**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 17 מיליאן דאלארדיגע האוזינג דעוועלאפמענט פאר פארשידעדנע באנוצן פאר צוגענגליכע פרייזן פאר עלטערע מענטשן אין באפעלאו**

***La Plaza de Virginia ברענגט 46 אפארדעבעל און שטיצנדע היימער פאר עלטערע מענטשן צוזאמען מיט א קאמיוניטי עלטערע מענטשן סערוויס צענטער, קאווע הויז און געזונטהייט הילפס-מיטלען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון La Plaza de Virginia, א 17 מיליאן דאלארדיגע האוזינג דעוועלאפמענט פאר פארשידענע באנוצן וואס ברענגט 46 שטיצנדע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר עלטערע מענטשן אין באפעלאו. די ניי-געבויטע דעוועלאפמענט אויף די שטאט'ס מערב זייט האט אויך א רעסטוראנט און א קאמיוניטי סערוויס איינריכטונג וואו א טעגליכע פארוויילונג פראגראם אפן פאר די פובליק פאר ערוואקסענע וועט אפגעהאלטן ווערן.

"La Plaza de Virginia שטעלט צו פאר עלטערע מענטשן א זיכערע, סטאבילע און אפארדעבעל היים מיט צוטריט צו א רייע פון הילפס-מיטלען וועלכע וועלן זיי העלפן לעבן געזונטע און זעלבסטשטענדיגע לעבנס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דעוועלאפמענט איז נאך א וויכטיגע אינוועסטירונג דורך די סטעיט צו העלפן פארשטערקערן באפעלאו'ס געגנטער, שטיצן די שטאט'ס אנגייענדע אויפלעבונג באמיאונגען און צושטעלן פאר אונזערע שוואכערע איינוואוינער די האוזינג אפציעס וואס זיי דארפן צו קענען בליהען."

די היינטיגע אנאנס באגלייט גאווערנער האקול'ס 'געדיכטע האוזינג' (Housing Compact) פלאן, א פילפאכיגע סטראטעגיע וואס איז אהערגעשטעלט געווארן צו אדרעסירן ניו יארק'ס היסטארישע האוזינג מאנגל דורכן אויפבויען 800,000 נייע היימער אין לויף פון די קומענדיגע צען יאר. די געדיכטע האוזינג פלאן וועט מוטיגן וואוקס דורכן אוועקנעמען שטרויכלונגען צו האוזינג פראדוקציע, גיבן באלוינונגען פאר נייע קאנסטרוקציע און אוועקשטעלן לאקאלע האוזינג ציהלן אריבער יעדע קאמיוניטי. די געדיכטע האוזינג פלאן פאלגט נאך לעצטע יאר'ס עפענונג פון די גאווערנער'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

שטייענדיג אויף 254 Virginia Street, ווערט La Plaza de Virginia דעוועלאפט אין א לאנג ליידיגע חרוב'ע שטח מיט א דריי-שטאקיגע געביידע וואס רעכנט אריין 46 איין-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס — אלע פון וועלכע זענען געווען ביליג פאר עלטערע מענטשן מיט איינקונפטן פון 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

פערצן אַפּאַרטמענטס ווערן אוועקגעלייגט פאר עלטערע מענטשן וועלכע זענען געווען היימלאז אין די פאַרגאַנגענהייט, און זיי וועלן באקומען אויפן-אָרטיגע שטיצנדע סערוויסעס אויסגעצאלט דורך די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט. שטיצנדע סערוויסעס רעכענען אריין ברייטע קעיר מענעדזשמענט, דראג באנוץ און גייסטישע געזונטהייט שטיצע, קאונסעלינג, זעלבסטשטענדיג זיך אפגעבן מיט מעדיצינען, העלט קעיר קאארדינעישען, אדוואָקעסי, פּארוויילונג, בילדונג און טרענירונג קלאסן און אזוי אויך ריפערעלס און קשרים צו קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס.

אין צוגאב צו די רעסטוראנט אויפן ארט, וואס וועט סערווירן פארטא ריקאנער מאכלים, וועלן איינוואוינער קענען געניסן פון א 4,000 סקווער-פיסיגע מיטגעטיילטע הויף, א פלאץ צו זיצן און צימערן צו וואשן וועש אויף יעדע שטאק. La Plaza de Virginia איז געבויט געווארן צו נאכקומען Enterprise Green Communities סטאנדארטן, און אלע אפּארטמענטס וועלן נוצן Energy Star אַפּלייענס. La Plaza de Virginia'ס דעוועלאפּער איז Hispanos Unidos de Buffalo (HUB), א באפעלאו-באזירטע נאָנ-פּראפיט ארגאניזאציע אונטער די Acacia Network וואס שטעלט צו מערערע סערוויסעס. שטיצנדע סערוויסעס וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך די Acacia Network.

סטעיט פינאנצירונג פאר La Plaza de Virginia רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט נידריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 10.6 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 3.1 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון די HCR. עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט האט צוגעשטעלט א הלוואה פון 1.9 מיליאן דאלאר דורך די 'בעסערע באפעלאו קאסע' (Better Buffalo Fund). די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) האט אויך צוגעשטעלט $46,000 דורך איר פראגראם פאר נידעריג-שטאקיגע וואוינונג געביידעס (Low-rise Residential New Construction program). באפעלאו סיטי'ס שטאטישע באנייאונג אגענטור (Urban Renewal Agency) שטעלט צו $950,000. די ניו יארק סטעיט אסעמבלי האט צוגעשטעלט $600,000 אין אינפראסטרוקטור פינאנצירונג דורך די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY).

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal, HCR) אינוועסטירט כמעט 250 מיליאן דאלאר אין באפעלאו סיטי, בויענדיג אדער אויפהאלטנדיג כמעט 2,500 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "אונטער די אנווייזונג פון גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און קאנצעטראציע אויף די מעגליכקייט פון מענטשן זיך צו ערלויבן היימער און צו פארשטערקערן קאמיוניטיס, אינוועסטירט די HCR אין באמיאונגען צו אויפלעבן געגנטער אריבער גאנץ באפעלאו דורך די דעוועלאפּמענט פון אפּאָרדעבעל הייזער. די עפענונג פון La Plaza de Virginia האט ערזעצט א ליידיגע חרוב'ע געביידע מיט א ניי-אויפגעבויטע קאמפלעקס פאר פארשידענע באנוצן וואס וועט דינען אלץ א זיכערע, סטאבילע היים פאר 46 עלטערע מענטשן מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר די וועלכע נויטיגן זיך דערין. מיר זענען דאנקבאר פאר אונזערע שותפים ביי די עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, NYSERDA די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט, Acacia און HUB פאר זייער ארבעט ביים פארענדיגן די באאיינדרוקספולע דעוועלאפּמענט."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט CEO, פּרעזידענט און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "La Plaza de Virginia וואס העלפט אדרעסירן די וואקסנדע באדערפעניש פון האוזינג פאר עלטערע מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט שטיצט גאווערנער האקול'ס שטארקע איבערגעגעבנקייט צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א מער יושר'דיגע פלאץ צו וואוינען. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די באגייסטערנדן

פראיעקט מיט א הלוואה פון 1.9 מיליאן דאלאר פון די 'בעסערע באפעלאו קאסע' פראגראם און צו פאראויס שטופן דעם פראגראם'ס ציהלן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און טראנספארמירן באפעלאו'ס געגנטער."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון La Plaza de Virginia מיינט אז באפעלאו'ס עלטערע מענטשן האבן יעצט ברייטערע צוטריט צו אפאָרדעבעל, ענערגיע-שפארזאמע הייזער וואס קומען מיט גאר ווירקזאמע אפּלייענסעס. די סארט קלימאט-פריינטליכע פראיעקטן בויען געזונטערע געביידעס בשעת'ן ארייננעמען די שוואכסטע ניו יארקער אין די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

**ציייטווייליגע ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די La Plaza de Virginia אפּארטמענטס פאר עלטערע מענטשן זענען נאך א ביישפיל פון וויאזוי אלע ניו יארקער דארפן באקומען צוטריט צו זיכערע און אפאָרדעבעל הייזער, און די האוזינג אפּארטמענטס מיט שטיצע פאר עלטערע מענטשן וועלן נישט נאר פארבעסערן די אלגעמיינע געזונטהייט צושטאנד פון די איינוואוינער, נאר זיי וועלן זיי אויך ערמעגליכן צו בלייבן אין זייער קאמיוניטי און בלייבן אקטיוו דארט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו וואס האט ערמעגליכט מענטשן זיך צו ארויסזעהן פון היימלאזיגקייט צו זיכערע הייזער אין זייער געגנט."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "אויפבויען מער אפאָרדעבעל האוזינג געלעגנהייטן איז קריטיש צו ארויסהעלפן ניו יארק'ס איינוואוינער און קאמיוניטיס בליהען. די פארענדיגונג פון La Plaza de Virginia קומט נאך יארן פון ארבעט דערויף, און עס איז א ריזיגע געווינס פאר אונזערע עלטערע מענטשן אין באפעלאו סיטי. אין צוגאב צום אויפבויען 46 נייע אפאָרדעבעל און ענווייראמענט-פריינטליכע היימער, שטעלט La Plaza de Virginia צו א קאמיוניטי וואו עלטערע מענטשן קענען זיך פארעלטערן אויפן ארט מיט זעלבסטשטענדיגקייט, כבוד און די געלעגנהייט צו צוקומען צו בילדונג און וואוילזיין סערוויסעס. צוזאמען פארשטערקערט און באררייכערט דאס די באפעלאו קאמיוניטי פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "דער פראיעקט, אנגעפירט דורך Hispanos Unidos de Buffalo, ווייזט ארויס די וויכטיגקייט פון פעדעראלע נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס, און עס ברענגט נייע אפאָרדעבעל וואוינונגען פאר עלטערע מענטשן און א קאמיוניטי צוזאמקום דעסטינאציע צו די מערב זייט פונעם שטאט. די נייע היים פאר באפעלאו איינוואוינער געפונט זיך אויף א העכסט פאסיגע פלאץ אין א געגנט וואס גייט יעצט אריבער א לעבהאפטיגע באנייאונג א דאנק א 42 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אינוועסטירונג אין די דערנעבנדע Niagara Street, און עס געפונט זיך בלויז עטליכע בלאקס אוועק פון די ראלף ווילסאן סענטעניעל פּארק וואס גייט יעצט אריבער א טראנספארמאציע א דאנק פּאַונדעישען און פעדעראלע אינוועסטירונגען."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דורכן אינוועסטירן אין אפאָרדעבעל הייזער, באזונדער פאר אונזערע עלטערע מענטשן, זעצט ניו יארק פאר צו שאפן נייע געלעגנהייטן צוגענגליכקייט, שטיצנדע סערוויסעס און קאמיוניטי-צענטרירטע פלעצער. דער פראיעקט איז געווען אן אמת'ע צוזאמענארבעט צווישן Hispanos Unidos de Buffalo און פעדעראלע, סטעיט און סיטי שותפים, און איך בין גאר באגייסטערט צו זעהן La Plaza de Virginia עפענענדיג אירע טויערן צו די קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ד. ריווערא האט געזאגט,** "La Plaza de Virginia's 46-יוניט האוזינג קאמפלעקס מיט מערערע באנוצן אויף Virginia St. וועט זיין א גאר נויטיגע אינוועסטירונג אין אונזערע ארטיגע עלטערע באפעלקערונג. ביי די לאקאציע וועט די HUB פארזעצן איר לאנגיאריגע טראדיציע פון

צושטעלן א רייע סערוויסעס און איינריכטונגען ספעציעל פאר אונזער עלטערע קאמיוניטי. איך בין שטאלץ אז דער פראיעקט וועט ארויסברענגען נאך מער באווייזן פון ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן מאדערנע, אפאָרדעבעל הייזער פאר די שוואכסטע אין אונזערע קאמיוניטיס."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק סי. פאלאנקאַרז האט געזאגט,** "דער פראיעקט האט געהאלפן פארווירקליכן די חזון פון וואס יעצטיגע איינוואוינער פון די געגנט האבן געזוכט מיט אן אטראקטיווע סטרוקטור וואס ערפילט א נויט אין די קאמיוניטי. צושטעלן אפאָרדעבעל און שטיצנדע הייזער פאר עלטערע איינוואוינער איז די לעצטע אין א סעריע פון אינוועסטירונגען וואס די סטעיט האט געמאכט ביים העלפן בויען א לעבהאפטיגע פלאץ צו וואוינען פאר טייל פון אונזערע שוואכסטע איינוואוינער אין באפעלאו סיטי."

**פרעזידענט פון די Acacia Network ראול רוסי האט געזאגט,** "די Acacia Network איז שטאלץ מיט די געוואלדיגע צוזאמענארבעט און עקשנות וואס איז פארלאנגט געווען צו זעהן די פירות פון דעם פראיעקט אין די הארץ פון באפעלאו נעבן די הויפט קאמפוס פון אונזער אפיליאירטע ארגאניזאציע, Hispanos Unidos de Buffalo (HUB). אלץ א באפעלאו איינוואוינער וואס איז געבוירן אין פארטא ריקא און האט געדינט באפעלאו סיטי און ניו יארק סטעיט פאר פילע צענדליגע יארן בעפאר מיין קאריערע אין די נאנ-פראפיט ארגאניזאציע — איז La Plaza de Virginia אן אפשפיגלונג פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו אויספלאסטערן וועגן צו געלעגנהייט און סטאביליטעט פאר אונזערע שוואכסטע שכנים כדי זיי זאלן קענען פארבלייבן אין די קאמיוניטיס וואס זיי רופן זייער היים."

**CEO פון Acacia Network ליימעריס אלבארס האט געזאגט,** "דורך La Plaza de Virginia איז Acacia Network באגייסטערט צו צולייגן 46 יוניטס פון גאר-נויטיגע האוזינג צו אונזער פעסטע רייע הייזער וואס באשטייט שוין היינט פון איבער 4,000 יוניטס פון שטיצנדע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. דער פראיעקט דינט אלץ אן עדות צו די געוואלדיגע רעזולטאטן וועלכע קענען ערגרייכט ווערן ווען מינאריטעט, נאָנ-פראפיט אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפערס קומען זיך צוזאם מיט פובליק און פריוואטע שותפים צו דעוועלאפען פראיעקטן געטריבן פון זייערע מיסיעס זיך צו אפרופן צו די באדערפענישן פון אונזערע קאמיוניטיס."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון HUB, יודזשעניאָ "דזשינאָו" רוסי, האט געזאגט,** " La Plaza de Virginia וועט ערפילן א געוואלדיגע נויט פאר אפאָרדעבעל הייזער פאר עלטערע מענטשן אין א געגנט וואס דינט שוין פון לאנג אלץ די הויפט פלאץ פון Hispanos Unidos de Buffalo וואס אפפערט שוין יעצט שטארקע פראגראמען פאר שוואכערע עלטערע מענטשן אין די קאמיוניטי. מיר באדאנקען אונזערע מאנשאפט מיטגלידער, אונזער באורד און אונזערע שותפים און פינאנצירער – אריינרעכענענדיג גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט, באפעלאו סיטי און מעיאר בייראן בראון, און אזוי אויך געוועזענע אסעמבלי מיטגלידער שאן רייען און דזשאנעטען ריווערא – פארן ערמעגליכן דעם פראיעקט, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו דינען אונזערע קאמיוניטיס פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן